# פיניעלע מזיק
## גיט רשון



צ'זעיץ, יאַטן, כ'גיי פאַבינדן דעם האַלדז מיט אַ פאַטשיילע אין מיט וואַטע. כ'שווענק מיר מיט באַרזיירע און מ'לייגט מיר קאַניפּראָסען אַבעט.

צ'וויסך כאַדזשביג, פון וואָנעז כאַב אַזאַ האַלדז גיקריגן ? צ'מיינך, אַז כאַמיך פאַקיהלט ? ניין ! כ'בין גיוועין אַפּן זיצעכץ פון שטוט־ראַר (געמיינט : שטאָט־ראַט).

אוי אַב איך דאָרט, אַף דער גלעריע, גימאַכט גיוואַלטן ! כאַניש גישאַנעוועט די יענדיקעס, כאַזיי אַראַנגיזוגט אין טאַטנס טאַטן אַראַן. ווי באַר אַ שאַלעוו אַט געשריגן אַף די ציין : זשידזשי דאָ, פאַלעסטינע, אַב איך פין דער גלעריע אַ געשראַ־מגעבן : העי, סטאַוויקאַרקע, ביזע מאַנדראַי שע ! טשימיי געמבע !

צ'הערך ? אַז איך אַב גיזעין ווי די אַנטע־סעמיסטען אַבן געגראַרזשעט די יזון מיט די פאַס־טן, אַב איך מיך שוין ניש גיקענט אנהאַלטען, סאַט מיר גינימען בורטשן אין באַעך, כאַב גי־מיינט אַז די קישקיס דרייען זיך מיר איבער. איך אַב גינימען שרייען און טאַמפּיען מיט די פיס. ווען מ'לאָזט מיך אַראַפּ פין דער גלעריע, וואָלט איך דאָרט אין דעם שטוט־גאַר גימאַכט שוואַרץ שאַבים. כ'וואָלט זיי גיוויזן, וואָס פיניעלע קען !

אָט מען דעה מיך ניש אַרופגילאָזט, אַב איך גימיזט זיצן אין קיקן ווי אַ גרויסע יידישע ראַט־ניקעס לאָזן זיך ניש בלוזן אין דער קאַשע אַראַן. כ'זאָג ענק, יאַטן, אַז פין איינעם אַב איך גיגאַט אַ פשיעמנאָשטש. צאָך גידאַרפט העירן, ווי דער אַוודיקאַט ווייצמאַן אַט זיי פאַציילט די מאַנסע, פין שוויגער — כאַבאַר אַזוי געקוואָלן !

יעץ גיי איך פאַבינדן דעם האַלדז, און כ'שווענק מיר מיט באַרזיירע. דערוואַל אַצך מיר אַ גיטן שאַבים און זאַצך מיר גיזינט.

---

# א קלוג משרת

מאַדאַם : גיי באַר רופע און רוף אַ דראָזש־קע, דער הער פאָהרט קיין פאַריז.

משרת : אַזוי וויט אויף אַ דראָזשקע ?

רעלעם.

---

# באמת א סקאנדאל !
## א מעשה'לע וועגעז קורט קאטש'ז

אין די טעאַטער־קרייזן דערצעהלט מען אַזאַ מעשה'לע :

מיט עטליכע טעג צוריק, האָט די קולטור־ליגע אָפּגעקויפט אין יידישען טעאַטער אַ פאָרשטע־לונג. געשפּילט איז געוואָרען „סער־זשאַנט גרישאַ“, די קולטור־ליגע“ האָט פריהער געהאַט אויסגעקויפט אַלע בילעטען ביז'ן לעצטען פּלאַץ.

פאַר דער פאָרשטעלונג קומט קורט קאַטש אויף דער ביהנע, און זעהענדיג דעם ריזיגען עולם אין טעאַטער, רופט ער אַוועק קאַרנטייער'ן און אַ זייט און זאָגט צו איהם:

— חבר קאָרנטייער, ביי אַזאַ זבאַר פעי־קויפט מען אַ פאָרשטעלונג ?!..

---

# א באַרמהערציגער הויזווירט
## געהערט פון גאספאדאזש אליין

צום היגען הויזווירט אורומטשעזיטש קומט אַריין אַ ייד דינגען אַ דירה, פרעגט איהם דער ווירט :

— וויפיל קינדער האָט איהר ?

— זיבען.

— אויב אַזוי קען איך אייך לייַדער די דירה נישט פאַרדינגען.

— פאַרוואָס ?

— ווי אַזוי וועל איך קענען אַרויסוואַרפען אַ טאַטע מיט זיבען קינדער ? — האָט ה' אוו־רומטשעוויטש געענטפערט.

---

# ס'קוינט נישט !

סובלאָקאַטאָר (צו דער ווירטין) וויפיל קאָסט ביי אייך דער צימער אַ חודש ?

ווירטין: 25 זל. אַ חודש.

סובלאָקאַטאָר (צו זיין פרוי) קום, פעלע, ס'איז צו ביליג. אַזאַ קליינע סומע וועט מיר נישט פאַסען נישט צו בעצאָהלען.

---

# זי פערשטעהט אנדערש

בעל־הבית: אויב דו וועסט זיין אַ לייט בעק־קומסטו פון מיר אַ קלייד.

דינסט : און די מאַדאַם וועט גאָר אַנקומען ?

— וועט זי בעקומען דאָס קלייד.

---

# ס'ווענדט זיך !

וו'יי ב : עס שטייט אין „ביינעם פאָלקסבלאַט“, אַז ס'איז געשטאָרבען אַ פרוי וואָס איז אַלט געווע־זען 120 יאָהר, וואָס זאָגסטו ? קען איך אויך אַזוי אַלט ווערען ?

מאַן : אויב דו וועסט ווייטער אַזוי לאַנג שטיין איינ'איין עלטער — צווייפעל איך דערין.

# היינטיגע קינדער

מאַדעם: (רופענדיג דעם משרת): פייגעלע, קום באַר אַריין !

קינד : מאַמעשי, ס'משרת הייסט פייגעלע? טאָ פאַרוואָס רופט זי דער טאַטעשי — טייבעלע ?

ש רעלעם.

---

# כמעט געטראפען
## דער פראווינצער און דער אפטייקער

אַ פּראָווינצער ייד קומט אַריין אין אַנ'אַפּ־טייק, ווענדט זיך צום פּראָוויזאָר :

— כ'וואָלט געוואָלט עפּעס אוּאַ... אוּאַ... איך האָב פערגעסען ווי דאָס הייסט

— צו מיגרענע? — פרעגט דער פּראָוויזאָר.

— אָט... אָט... באַר ביי אונז אין שטעטעל רופט מען דאָס — אַ פּראַשעק צו וואַנצען.

---

# א מענש מיט א רייכער פאנטאזיע

שעף (צום אָנגעשטעלטען) פאַרוואָס האָט איהר מיר געזאָגט, אַז איהר האָט 5 יאָהר געאַר־בייט אין דער ווידזעווער מאַנופאַקטור ?

אָנגעשטעלטער : דער שעף האָט דאָך ווי־ראַוש־ע געשריבען אין דער אַנאָנסע, אַז איהר זוכט אַ מענש מיט אַ „רייכער“ פאַנטאַזיע!

---

# צווישעז בחורים

ערשטער : איז דאָס אמת ? כ'האָב געהערט אַז דו האָסט שוין די טעג חתונה ?

צווייטער : יאָ, ס'איז אמת ! מיינע טעג זע־נען נעבעך געצעהלטע.

---

# זיך פערורעדט

ער: דו האָסט געלעזען די בריף, וואָס איך האָב דיר געשריבן פון די ליכטיגע זומער־נעכט, וואָס מיר האָבען פערבראַכט ?

זי : אַזוי גאָר ? דו האָסט דאָס געשריבען די בריף ? און איך האָב געמיינט, אַז אַנ'אַנדערער.

---

# דראבנע אנאנסעז
## ביז 15 ווערטער צאהלט בעניעס צו 1 זלאטע

איך ווענד מיך צו דעם, וואָס האָט מיר צו־גע'גנב'עט די קאַלאָשען ער זאָל מיר אָפּשיקען די מעשענע ליטערעס ס. ס.

---

צו מיין מאַן !

קענסט שוין אַהיים קומען, כ'האָב אַרויס־געוואָרפען דעם סובלאָקאַטאָר און דעם ראַניאַ אויך.

---

איך מאַך אויפמערקזאַם מיין בוכהאַלטער, וועל־כער איז אַנטלאָפען מיט מיין ווייב מיט'ן שליסעל פון דער קאַסע, אַז דאָס צווייטע איז מיר אומבעדינג נויטיג. דאָס ערשטע דאַרפען, קען ער האַלטען פאַר זיך.

---

# דער קונדס

● הומאר ●

● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב — נעק ●

ביילאַגע צום „נייעם פאלקסבלאַט“ נומער 288 פרייטאג, דעם 14 דעצעמבער 1934

# דער ענדעק גרייט זיך



צו דער זיצונג פון לאדזער שטאט־ראַט...

